# בײַ איין טיש

אין אַרײַנפֿיר־וואָרט צום ערשטן באַנד *אָקספֿאָרדער יידיש* איז געשטאַנען דער טראָפּ אויפֿן ציל פֿון נײַעם יאָרבוך: אינספּירירן אי יונגע פֿאָרשער אי עלטערע געלערנטע זיי זאָלן זייערע פֿאָרשונגס־אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון יידיש נעמען שרײַבן טאַקע אויף יידיש.

שוין אין ערשטן באַנד זײַנען אָבער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ניט נאָר טעכנישע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן פֿון פּראָפֿעסאָרן און קאַנדידאַטן נאָר אויך פֿאָרשונגען און זכרונות פֿון יידישע שרײַבער. אָט די סמיכות הפּרשה זעט זיך ווײַטער אין איצטיקן באַנד. איך וויל דאָ די שיטה געבן צו פֿאַרשטיין.

די פּראָבלעמאַטיק וואָס האָט געפֿירט צום אויפֿקום פֿון *אָקספֿאָרדער יידיש* נעמט זיך ניט נאָר פֿון דעם וואָס מען האָט די לעצטע יאָרן גענומען פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאָרשונגען איבער יידיש מערסטנס אויף אַנדערע שפּראַכן. זי נעמט זיך אויך פֿון דער טרויעריקער אָפּגעפֿרעמדטקייט צווישן דער וויסנשאַפֿט פֿון יידיש און דער לעבעדיקער יידישער ליטעראַטור. ס'איז אַ פּשוטער פֿאַל פֿון איין צרה וואָס ברענגט אַ צווייטע צרה. אַז פֿאָרשער האָבן זיך געהאַלטן ווײַט פֿון לעבעדיקן הײַנטיקן יידיש זײַנען זיי שוין במילא געוועז דערווײַטערט פֿון יידישע שרײַבער; בײַ די שרײַבער האָבן די פֿאָרשונגען איבער יידיש אויף אַנדערע שפּראַכן גענומען שמעקן מיט אַרכעאָלאָגיע און סאַנסקריטיזם. צו דעם אַלעמען דאַרף אויך געזאָגט ווערן אַז ניט ווייניק יידישע שרײַבער, אויך טוער אין אָרגאַניזאַציעס וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יידיש, האָבן זיך עד היום ניט דערגרונטעוועט צום סוד, ווי אַזוי מען ציט צו טאַלאַנטירטע יונגע מענטשן.

דערפֿאַר איז *אָקספֿאָרדער יידיש* טיר און טויער אָפֿן סײַ פֿאַר פֿאָרשער סײַ פֿאַר שרײַבער. ניין, מיר וועלן ניט גיין דרוקן דערציילונגען, לידער אָדער

דראַמען; אויף דעם זײַנען דאָך דאָ בעלעטריסטישע זשורנאַלן. מיר פֿרייען זיך אָבער יאָ אָפּצודרוקן קולטור=היסטאָרישע צי לינגוויסטישע זכרונות, אויך אַרבעטן איבער ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר וואָס ס׳גרייטן צו שרײַבער.

די אָפּענע טיר נעמט זיך ניט נאָר פֿונעם ווילן צונויפֿצופֿירן צוויי מחנות, דרײַ דורות. ס׳נעמט זיך אויך פֿון דער עלטער וויסנשאַפֿטלעכער איבערצײַגונג אַז דאָס וואָס ס׳זאָגן אונדזערע יידישע שרײַבער וועגן שפּראַך, ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר און קולטור געשיכטע איז מדעיקרא אינטערעסאַנט און וויכטיק, אויך פֿאַר דער וויסנשאַפֿט.

צו אָט די צוויי גרופּעס אָנטיילנעמער — פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאָרשער און פּראָפֿעסיאָנעלע שרײַבער — איז נאָך דאָ אַ דריטע גרופּע וואָס די מעלה פֿון יידיש לײַדט שוין לאַנג פֿון איר דערווײַטערטקייט פֿון דער פֿאָרשונג פֿון יידיש: טראַדיציאָנעלע פֿרומע יידיש ריידנדיקע געלערנטע, בפֿרט אין דער מעכטיקער חסידישער וועלט. גוט וואָס אויך אין צווייטן באַנד איז דאָ אַן אַרבעט פֿון ר׳ שמואל הײַלע, וועמענס אויפֿטוען אויפֿן געביט פֿון יידיש שטײַגן כסדר.

אין דעם באַנד *אָקספֿאָרדער יידיש* גייט אויך אַרײַן אַ קאַפּיטל זכרונות פֿון בלומקע כ״ץ וועלכע וואוינט אין סווינציאַן, וואָס אין דער ליטע. הלוואַי זאָל זיך צעבליען דער מזרח=אייראָפּעאישער חלק אין אונדזער אָקספֿאָרדער פּראָיעקט. אין 1991 איז געחתמעט געוואָרן אַ הסכם צווישן די ווילנער און אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעטן אויפֿן געביט פֿון יידיש. לאָמיר האָפֿן אַז דער הסכם וועט האָבן אַ פּעולה, אַז זײַנע רעזולטאַטן וועלן זיך לאָזן זען אויף די בלעטער פֿון די קומעדיקע בענד.

געקומען די צײַט אַוועקלייגן אָן אַ זײַט אידעאָלאָגישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע חשבונות. אָרנטלעכע פֿאָרשונגס=אַרבעט ברענגט מיט זיך די פֿרייד פֿון צונויפֿפֿירן מענטשן פֿון אַלערלייאיקע סביבות, פֿון פֿאַרשידנאַרטיקע איבערצײַגונגען.

מען דאַרף קומען צום טיש.

ה.=ד. ק.

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

II

1991

רעדאַקטאָר

**הירשע־דוד קאַץ**

האַרוואוד אַקאַדעמישער פֿאַרלאַג

קור, לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, מעלבורן

בשותפֿות מיטן

אָקספֿאָרדער צענטער פֿאַר העכערע העברעאישע שטודיעס

# אָקספֿאָרדער יידיש

II

1991


רעדאַקטאָר

## הירשע־דוד קאַץ

געהילף רעדאַקטאָרן

## מאַריאָן אַפּטראָד, דובֿ־בער קערלער


## נאָטיצן פֿאַר מחברים:

1. די רעדאַקציע נעמט אין באַטראַכט אָריגינעלע פֿאָרשונגען אויפֿן געביט פֿון יידישער פֿילאָלאָגיע, ליטעראַטור־פֿאָרשונג און פֿאָלקלאָר, ווי אויך קולטור־היסטאָרישע און לינגוויסטישע זכרונות. בלויז אַרבעטן וואָס זײַנען אַנדערשוואו ניט דערשינען (אויף וועלכער ניט איז שפּראַך) קענען קומען אין באַטראַכט.

2. צוגעשיקטע אַרבעטן דאַרף מען אָפּקלאַפּן אויף אַ מאַשינקע. מראה־מקומות ברענגט מען אין האַלבע לבֿנות אין טעקסט גופֿא; זיי שיקן אָפּ צו דער ביבליאָגראַפֿיע וואָס געפֿינט זיך צום סוף פֿון יעדער אַרבעט.

3. אַרבעטן און קאָרעספּאָנדענץ דאַרף מען שיקן צו:


Dr Dovid Katz, Oxford Centre for Postgraduate Hebrew Studies
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England

# אינהאַלט


בײַ אײן טיש 1

## געשיכטע פֿון ייִדיש

יוסף בר־אל (רמת גן)
טשאַטשקיס, עגנון און די עטימאָלאָגיע פֿון „שיבוש" 3

הירשע־דוד קאַץ (אָקספֿאָרד)
דער סעמיטישער חלק אין ייִדיש: אַ ירושה פֿון קדמונים 17

## פֿאָלקלאָר

יאַסמינקע דאַלינג (אָקספֿאָרד)
איין שין *מעשה* און די מקורות פֿון ייִדישע פֿאָלקס־מעשיות 97

מאַגדאַלענאַ פּיראָזשינסקאַ (קראָקע)
ייִדישע און פּוילישע שפּריכווערטער 117

## מאָדערנע ליטעראַטור

מיכל גיא (רמת גן)
דזשאָנערישע יסודות בײַ באַשעוויסן 129

מעינקע קאַץ (ניו־יאָרק)
פֿאָרם אין פּאָעזיע און נאַטור 161

## קולטור געשיכטע

שמואל הילע (לאָנדאָן)
הלכהשע אַסמכתות פֿאַר אויפֿהיטן ייִדיש בײַ פֿרומע ייִדן 171

לעאָנאַרד פּראַגער (חיפֿה)
דער לאָנדאָנער פֿאַרלעגער מ. יאָזעף 175

קלמן קאַהל (ניו־יאָרק)
סעקס רפֿואות אין אַ פּנקס פֿון 19טן יאָרהונדערט 199

לײזער ראַן (ניו־יאָרק)
„כשרע קאָרטן" פֿון מיטן 19טן יאָרהונדערט 215

## זכרונות

בלומקע כ"ץ (סווינציאַן)
מײַן לערער מאַקס ווײַנרײַך 241

אבֿרהם קאַרפּינאָוויטש (תל אבֿיבֿ)
זכרונות פֿון אַ פֿאַרשניטענער טעאַטער היים 255

## אבֿידות

שלמה בירנבוים 271

י. א. ליסקי 277

דבֿ סדן 283

לייב פּוקס 287

מעינקע קאַץ 293

אַנאָנסן

זומער פּראָגראַם 312
ווינטער סימפּאָזיום 312
דאַנק וואָרט 313